# דעם רבינ'ס מעשיות



נאמען________________________

טעלפון________________________

שטאט________________________

## בחינה אויף ספורי מעשיות

### די צוועלעפטע מעשה (11) - פון דער בעל תפילה (סוף)

**א. וועלכע חי' איז דא אויף דעם פייערדיגן בארג?**
- ☐ א לעמפערט
- ☐ א בער
- ☐ א לייב

**ב. וואס טוהט די חי' ווען די פאסטוכער שטורמען אויף אים?**
- ☐ ער ווערט זייער דערשראקן
- ☐ ער אנטלויפט גלייך
- ☐ ער נעמט די בהמות

**ג. וואס איז דא אויף די אנדערע וועג?**
- ☐ א קעך
- ☐ א לייב
- ☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ד. וויאזוי ווערן געקאכט די עסן אין קאך?**
- ☐ דורך די פייער וואס איז דא אין קאך
- ☐ דורך די בארג פון פייער
- ☐ דורך די היץ פון די זון

**ה. וויאזוי ווייסט מען וואו ס'איז די קאך?**
- ☐ ווייל ס'איז גאר א הויכע בנין
- ☐ ווייל מ'שמעקט די גרוך פון די עסן
- ☐ ווייל עס שטייען דארטן פייגעלעך

**ו. וויאזוי טוהט מען אנצינדן און פארלעשן די פייער פון קאך?**
- ☐ דורך א ספעציעלער צינדער
- ☐ דורך די פייגעלעך וואס פאכין מיט די פליגלעך
- ☐ עס ווערט פון זיך אליינס

**ז. וואס האט דער קעניג געזאגט ערשט צו טוהן מיט די מענטשן פון מדינה של עשירות?**
- ☐ זיי קודם געבן צו עסן פון די קעך און נאכדעם צו גיין קעגן די ווינט פון קעך
- ☐ זיי קודם צו טראגן קעגן די ווינט פון קעך און נאכדעם זיי צו געבן עסן פון די קעך
- ☐ זיי זאלן קודם ארויסווארפן די געלד און נאכדעם זיי צו געבן עסן פון די קעך

**ח. וואס האבן זיי געזאגט ווען ער האט זיי געפירט קעגן די ווינט?**
- ☐ אז עס שטינקט
- ☐ זיי האבן אים געבעטן פון די עסן
- ☐ אז עס איז דא א גוטער גערוך

**ט. וואס האבן זיי געזאגט ווען ער האט זיי געפירט פון דעם ווינט?**
- ☐ אז עס שטינקט
- ☐ זיי האבן אים געבעטן פון די עסן
- ☐ אז עס איז דא א גוטער גערוך

**י. וויפיל מאל האט ער זיי געפירט א קעגן דעם ווינט?**
- ☐ איין מאל
- ☐ צוויי מאל
- ☐ דריי מאל

**יא. וואס האבן זיי געטון ווען זיי האבן געגעסן פון די עסן פון די קאך?**
- ☐ זיי האבן אנגעהויבן אוועקווארפן די געלד
- ☐ זיי האבן זיך באגראבן פאר בושה
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יב. וואס איז די גרעסטע בושה אין יענע פלאץ?**
- ☐ פריילעכקייט
- ☐ ארימע קליידער
- ☐ געלד

**יג. וואס האט דארטן געטוהן ווער ס'האט געטראפן ביי זיך געלד?**
- ☐ האט דאס אוועק געלייגט פאר ווען ער וועט דאס דארפן
- ☐ ער האט עס געגעבן פאר זיין חבר
- ☐ ער האט עס מבער געווען און אוועק געטון פון זיך

**יד. וואס האבן זיי נאכדעם געבעטן פון דעם גבור?**
- ☐ אז ער זאל זיי געבן א וועג צו תשובה
- ☐ אז ער זאל קומען צו זייער מדינה ווערן קעניג
- ☐ אז ער זאל זיי געבן פון די עסן צו טראגן אין זייער מדינה

**טו. וואס איז די סגולה פון די עסן, אז ווער ס'עסט פון דעם?**
- ☐ ווערט געלד נישט אזוי חשוב ביי אים
- ☐ איז ער ממאס געלד
- ☐ איז ער זייער ממאס געלד

***טז. שאלת חכמה: אין וועלכע קאפיטל איז מרומז די מעשה?***
- ☐ *ישעי' ב'*
- ☐ *ישעי' ל'*
- ☐ *ישעי' ל"א*

**און גאר די וועלט האט זיך אום גיקערט צו גאט ב"ה און זיי האבן אלע עוסק געווען נאר אין תורה און תפילה און תשובה און מעשים טובים, אמן כן יהי רצון**

די סיפורי מעשיות וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט זענען קודש קדשים, זיין כוונה איז געווען אונז צו אויפוועקן פון טיפן שלאף, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אז "די סיפורי מעשיות זענען מסוגל צו אויפוועקן פון שלאף.

דער הייליגער רבי האט געזאגט אז אין יעדעווארט פון די הייליגע מעשיות זענען באהאלטן סודות התורה, און אפילו א פשוטער מענטש וואס וועט עס לערנען, קען ארויס נעמען פון דעם מוסר און התעוררות צו השם יתברך.

דעם רבינ'ס ליכט

צו מאכן די בחינה און אריין גיין אין גורל רוף די טעלפאן ליין **02-5-3333-72** L3233287@gmail.com

## הֶמְשֵׁךְ פֶּרֶק יב – דֶער 'בַּעַל־תְּפִלָּה' פַארְעֶנְדְט דִי 'מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוּת', פוּן 'תַּאֲוַת־מָמוֹן'

**[אוֹת ב]** הָאט דֶער 'גִּבּוֹר' גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט דֶעם 'מֶלֶךְ': "מִכֹּחַ [אוֹיף דֶעם זַאךְ פוּן] 'דֶער [דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי] 'מְדִינָה [פוּן עֲשִׁירוּת]', וָואס זֵיי זֶענֶען אַזוֹי אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דֶער 'עֲבוֹדָה־זָרָה' פוּן 'גֶעלְט' [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט פְּרָקִים ב־ג־ד]!

הָאט דֶער 'גִּבּוֹר' גֶעזָאגְט צוּם 'מֶלֶךְ': "אִיךְ הָאבּ [דָאךְ] פוּן אַייךְ גֶעהֶערְט: "אַז דוּרְךְ דֶעם 'וֶועג', וָואס אִיךְ הָאבּ צוּ דֶער [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער] 'שְׁוֶוערְד' [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט – פֶּרֶק ו אוֹת ד] – דוּרְכְדֶעם קֶען מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען, 'דֶעם' וָואס עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן [גֶעוָוארְן אַיינְגֶעזִינְקֶען] אִין [דִי 'עֲבוֹדָה־זָרָה' פוּן] דֶער 'תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט'"!

הָאט אִים דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעעֶנְטְפֶערְט: "יָא, סְ'אִיז [טַאקֶע] אַזוֹי"! – הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעזָאגְט [מוֹדִיעַ גֶעוֶוען צוּ] דֶעם 'גִּבּוֹר' (דִי זַאךְ וִויאַזוֹי מְ'קֶען דוּרְךְ דֶעם 'וֶועג', זֵיי אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דֶער 'תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט'): "בַּאֲשֶׁר [אַז] אִין 'דֶעם וֶועג' וִוי עֶר [דֶער גִּבּוֹר] גֵייט [אַרוֹיף] צוּ דֶער [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער] 'שְׁוֶוערְד', אִיז פַארְהַאנְדְן אַ 'וֶועג' אִין דֶער זַייט! – קוּמְט מֶען מִיט 'דֶעם [דָאזִיגְן זַייטִיגְן] וֶועג', צוּ אַ 'פֵייעֶר'דִיגְן בַּארְג'! – אוּן אוֹיף דֶעם 'בַּארְג', לִיגְט אַ 'לֵייבּ'! – אוּן דֶער 'לֵייבּ', אַז [וֶוען] עֶר בַּאדַארְף [צוּ] עֶסְן, גֵייט עֶר אוּן פַאלְט אוֹיף דִי 'טְשֶׁעְרֶדְעס' [סְטַאדֶעס פוּן דִי שָׁאף], אוּן [עֶר] נֶעמְט זִיךְ 'שָׁאף' אוּן 'בְּהֵמוֹת', אוּן עֶסְט זֵיי אוֹיף! – אוּן דִי 'פַּאסְטֶעכֶעס' [פַּאסְטוּכֶער] וֵוייסְן דֶערְפוּן! – אוּן זֵיי הִיטְן זֵייעֶר, דִי 'שָׁאף', פַאר [פוּן] אִים! – לוּשְׁמִיר [אָבֶּער] דֶער 'לֵייבּ', קוּקְט גָאר דֶערוֹיף נִישְׁט! – נָאר אַז [וֶוען] עֶר ווִיל עֶסְן, פַאלְט עֶר [אַרוֹיף] אוֹיף דִי 'טְשֶׁעְרֶדְעס' [סְטַאדֶעס]! – אוּן דִי 'פַּאסְטֶעכֶעס' [פַּאסְטוּכֶער], קְלַאפְּן אוּן שְׁלָאגְן אוּן שְׁטוּרְמֶען אוֹיף אִים! – לוּשְׁמִיר [אָבֶּער] דֶער 'לֵייבּ' הֶערְט דָאס גָארְנִישְׁט! – נָאר עֶר נֶעמְט זִיךְ 'שָׁאף' אוּן 'בְּהֵמוֹת', אוּן בְּרוּמְט, אוּן עֶסְט זֵיי! – אוּן דֶעם [דָאזִיגְן אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן] 'בַּארְג פוּן פֵייעֶר', זֶעהְט מֶען גָארְנִישְׁט (כְּלוֹמַר: סְ'אִיז דָארְט פַארְהַאנְדְן, אַ 'בַּארְג פוּן פֵייעֶר'! – נָאר מְ'זֶעהְט אִים נִישְׁט)!

אוּן וִוידֶער: פוּן דֶער זַייט, אִיז נָאךְ פַארְהַאנְדְן אַ [אַנְדֶערֶע] 'וֶועג'! – קוּמְט מֶען [אוּן מְ'קוּמְט אָן] מִיט 'דֶעם וֶועג', צוּ אַ 'אָרְט' [פְּלַאץ] וָואס סְ'הֵייסְט 'קֶעךְ' [קָאךְ; בֵּית הַתַּבְשִׁיל]! – אוּן דָארְט אִין דֶער [דָאזִיגֶער] 'קֶעךְ', אִיז פַארְהַאנְדְן אַלֶע־עֶרְלֵיי 'מַאֲכָלִים'! – אוּן אִין דֶער [דָאזִיגֶער] 'קֶעךְ', אִיז קַיין שׁוּם 'פֵייעֶר' נִישְׁט פַארְהַאנְדְן! – נָאר דִי 'מַאֲכָלִים' וֶוערְן גֶעקָאכְט, דוּרְךְ דֶעם 'בַּארְג פוּן פֵייעֶר' הַנַּ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]!

אוּן דֶער 'בַּארְג פוּן פֵייעֶר', אִיז פוּן דָארְט זֵייעֶר וַוייט! – נָאר סְ'גֵייעֶן 'שְׁטֶעשְׁקֶעס' [וֶועגְן], אוּן אַזוֹי־וִוי 'רִינֶוועס' [רֶערְן], פוּן דֶעם 'בַּארְג פוּן פֵייעֶר', צוּ דֶער [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער] 'קֶעךְ'! – אוּן דוּרְכְדֶעם וֶוערְן [דָארְט] גֶעקָאכְט, אַלֶע 'מַאֲכָלִים' הַנַּ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]!

אוּן דִי [דָאזִיגֶע] 'קֶעךְ', זֶעהְט מֶען אוֹיךְ גָארְנִישְׁט אַרוֹיס! – נָאר סְ'אִיז פַארְהַאנְדְן אַ 'סִימָן': [אַז] סְ'שְׁטֵייעֶן דָארְטְן 'פֵייגְל' [פֵייגֶלֶעךְ] אוֹיף דֶער [דָאזִיגֶער] 'קֶעךְ'! – אוּן דוּרְכְדֶעם וֵוייסְט מֶען: "אַז דָארְט אִיז דִי 'קֶעךְ'"!

אוּן דִי [דָאזִיגֶע] 'פֵייגְל' – [זֵיי] פָּאכְן [קְלַאפְּן] מִיט דִי 'פְלִיגְל' [זֵייעֶרֶע]! – אוּן דוּרְכְדֶעם צִינְדְן זֵיי אָן דָאס 'פֵייעֶר', אוּן [דוּרְכְדֶעם] פַארְלֶעשְׁן [זֵיי] דָאס 'פֵייעֶר'! – דְהַיְינוּ: דוּרְכְדֶעם וָואס דִי 'פֵייגְל' פָּאכְן [קְלַאפְּן], דוּרְכְדֶעם בְּלָאזְן [פְלַאמֶען] זֵיי אוֹיף אוּן צִינְדְן אָן דָאס 'פֵייעֶר'!

אוּן וִוידֶער טַאקֶע, דוּרְךְ זֵייעֶר פָּאכְן – פַארְלֶעשְׁן זֵיי דָאס 'פֵייעֶר', אַז דָאס 'פֵייעֶר' זָאל נִישְׁט פְלַאמֶען צוּ שְׁטַארְק, מֶער אֵיידֶער [וִוי] מְ'בַּאדַארְף! – אוּן זֵיי בְּלָאזְן [פְלַאמֶען] אוֹיף, 'דָאס פֵייעֶר', וֶועדְלִיג [לוֹיט וִויפִיל] מְ'בַּאדַארְף צוּ דִי 'מַאֲכָלִים'! – דְהַיְינוּ: צוּ 'דֶעם מַאֲכָל', בַּאדַארְף מֶען אַזוֹי אַ [אַזַא פְלַאם] 'פֵייעֶר'! אוּן צוּ אַ 'אַנְדֶער מַאֲכָל', בַּאדַארְף מֶען אַ 'אַנְדֶער [פְלַאם] פֵייעֶר'! – אַלְץ וֶועדְלִיג [לוֹיט] דֶעם 'מַאֲכָל', אַזוֹי בְּלָאזְן [פְלַאמֶען] דִי 'פֵייגְל' אוֹיף, 'דָאס פֵייעֶר'!

(דָאס [פוּן אָנְהֵייבּ אוֹת ב בִּיז אַהֶער] דֶערְצֵיילְט אַלְץ דֶער 'מֶלֶךְ', [פַאר] דֶעם 'גִּבּוֹר')!

[זָאגְט וַוייטֶער דֶער 'מֶלֶךְ' פַארְן 'גִּבּוֹר']: "בְּכֵן [דֶערִיבֶּער]! זָאלְסְטוּ זֵיי פִירְן (דְהַיְינוּ: דִי [דָאזִיגֶע אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] 'לַייט' פוּן דֶער 'מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוּת' [וָואס זֶענֶען אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דִי 'עֲבוֹדָה־זָרָה' פוּן 'גֶעלְט'] – וָואס זֵיי זֶענֶען דָארְט [דִי] 'גָאטְן' [בַּיי זֵייעֶר 'מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוּת'] – [וָואס זֵיי זֶענֶען דָא יֶעצְט מִיטְן 'מֶלֶךְ' אוּן 'זַיינֶע לַייט']) פְרִיעֶר [קוֹדֶם זָאלְסְטוּ זֵיי פִירְן], אַקֶעגְן [דֶעם] 'ווִינְט'! – כְּדֵי [אַז] דֶער 'רֵיחַ' פוּן דִי [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] 'מַאֲכָלִים', זָאל זֵיי פַארְגֵיין [אָנְקוּמֶען צוּ זֵיי]! – דֶערְנָאךְ, אַז [וֶוען] דוּ וֶועסְט זֵיי גֶעבְּן פוּן דִי 'מַאֲכָלִים' – וֶועלְן זֵיי שׁוֹין בְּוַודַּאי אַוֶועקְוַוארְפְן דִי [דָאזִיגֶע] 'תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט'"!

**[אוֹת ג]** הָאט דֶער 'גִּבּוֹר' [טַאקֶע] אַזוֹי גֶעטָאן! – אוּן [עֶר] הָאט גֶענוּמֶען דִי 'דָאזִיגֶע לַייט' – דְהַיְינוּ: דִי 'גְרוֹיסֶע לַייט' פוּן דֶער 'מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוּת', וָואס זֵיי זֶענֶען 'גָאטְן' אִין 'זֵייעֶר מְדִינָה'! – וָואס זֵיי [וַוייל דִי 'דָאזִיגֶע גָאטְן' זֶענֶען דָא גֶעוֶוען – וַוייל זֵיי] זֶענֶען אַהֶערְגֶעקוּמֶען מִיט דֶעם 'מְמוּנֶה [עַל הָאוֹצְרוֹת]', כַּנַּ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט – פֶּרֶק יא אוֹת א]! – אוּן אַז זֵיי [דֶעמָאלְט וֶוען דִי דָאזִיגֶע גָאטְן] זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן 'זֵייעֶר מְדִינָה' מִיט דֶעם 'מְמוּנֶה' – הָאבְּן זֵיי [דֶעמָאלְט], דִי '[לַייט פוּן דִי] מְדִינָה', [גֶעהַאט] 'כֹּחַ' [אוּן עֶרְלוֹיבֶּענִישׁ] גֶעגֶעבְּן: "אַז וָואס זֵיי וֶועלְן טָאן [דִי דָאזִיגֶע שְׁלוּחִים], זָאל זַיין גָאר גֶעטָאן"! – אוּן [אַז] 'גָאר דִי ['אַלֶע לַייט' פוּן דִי] מְדִינָה', מוּז צוּשְׁטֵייעֶן [וֶועלְן מוּזְן מַסְכִּים זַיין] אוֹיף דֶעם אַלֶעמֶען וָואס זֵיי [דִי 'שְׁלוּחִים', דְהַיְינוּ: זֵייעֶרֶע 'גָאטְן' – דִי 'גְרוֹיסֶע לַייט' פוּן זֵייעֶר מְדִינָה] וֶועלְן טָאן! – [אוּן זֵיי וֶועלְן גָארְנִישְׁט קֶענֶען פַארְעֶנְדֶערְן]!

הָאט דֶער 'גִּבּוֹר' גֶענוּמֶען דִי [דָאזִיגֶע] לַייט [וָואס זֵיי הֵייסְן 'גָאטְן' בַּיי זֵייעֶר מְדִינָה, צוּלִיבּ זֵייעֶר עֲשִׁירוּת] – אוּן הָאט זֵיי גֶעפִירְט אִין 'דֶעם [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן] וֶועג' (וָואס דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט אִים גֶעזָאגְט, כַּנַּ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]) – אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעבְּרַאכְט [גֶעבְּרֶענְגְט] בִּיז [צוּ] דֶער 'קֶעךְ' וָואס דָארְט זֶענֶען דִי [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] 'מַאֲכָלִים'! – אוּן פְרִיעֶר [קוֹדֶם], הָאט עֶר זֵיי גֶעפִירְט אַקֶעגְן [דֶעם] 'ווִינְט'! – אִיז זֵיי פַארְגַאנְגֶען [אָנְגֶעקוּמֶען] דֶער 'רֵיחַ' פוּן דִי 'מַאֲכָלִים'! – הָאבְּן זֵיי אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר צוּ בֶּעטְן: "אַז עֶר זָאל זֵיי גֶעבְּן פוּן דִי [דָאזִיגֶע] 'גוּטֶע מַאֲכָלִים'"!

דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זֵיי [אַוֶועק] גֶעפִירְט פוּן דֶעם 'ווִינְט'! – הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרֵייעֶן: "סְ'שְׁטִינְקְט זֵייעֶר [שְׁטַארְק]"! – הָאט עֶר זֵיי וִוידֶער גֶעבְּרַאכְט [גֶעפִירְט] אַקֶעגְן [דֶעם] 'ווִינְט'! – אִיז זֵיי וִוידֶער פַארְגַאנְגֶען [אָנְגֶעקוּמֶען] דֶער 'גוּטֶער רֵיחַ' פוּן דִי 'מַאֲכָלִים'! – הָאבְּן זֵיי אִים וִוידֶער זֵייעֶר גֶעבֶּעטְן: "אַז עֶר זָאל זֵיי גֶעבְּן פוּן דִי 'מַאֲכָלִים'"!

דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זֵיי וִוידֶער [אַוֶועק] גֶעפִירְט פוּן דֶעם 'ווִינְט'! – הָאבְּן זֵיי וִוידֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרֵייעֶן: "סְ'שְׁטִינְקְט זֵייעֶר ווִילְד"!

הָאט זִיךְ דֶער 'גִּבּוֹר' צוּ זֵיי אָנְגֶערוּפְן [צוּ דִי דָאזִיגֶע מֶענְטְשְׁן]: "אִיר זֶעהְט זִיךְ [דָאךְ]: אַז סְ'אִיז דָא גָארְנִישְׁט פַארְהַאנְדְן קַיין שׁוּם זַאךְ וָואס סְ'זָאל שְׁטִינְקֶען! – מוּז [דָאךְ] בְּוַודַּאי זַיין, אַז אִיר אַלֵיין שְׁטִינְקְט עֶס! – וָוארְן דָא אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם זַאךְ, וָואס סְ'זָאל הָאבְּן אַ 'רֵיחַ רַע' [שְׁלֶעכְטְן רֵיחַ]"!

**[אוֹת ד]** דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זֵיי גֶעגֶעבְּן פוּן דִי [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] 'מַאֲכָלִים'! – [אוּן תֵּיכֶף] וִוי זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעסְן פוּן דִי [דָאזִיגֶע] 'מַאֲכָלִים' – הָאבְּן זֵיי תֵּיכֶף אָנְגֶעהוֹיבְּן אַוֶועק־צוּ־וַוארְפְן פוּן זִיךְ, דָאס 'גֶעלְט' [זֵייעֶר זִילְבֶּער אוּן גָאלְד]! – אוּן אִיטְלֶעכֶער, הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגְרָאבְּן [פַאר זִיךְ אַלֵיינְס] אַ 'גְרוּבּ' [אוּן אַ 'קֶבֶר']! אוּן הָאט זִיךְ [אַלֵיינְס] בַּאגְרָאבְּן אִין דֶעם 'גְרוּבּ', מַחֲמַת [צוּלִיבּ] 'גְרוֹיס בּוּשָׁה' וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעשֶׁעמְט! – וָוארְן זֵיי הָאבְּן דֶערְפִילְט: "וִוי דָאס 'גֶעלְט' שְׁטִינְקְט זֵייעֶר [מַמָּשׁ אַזוֹי־וִוי 'צוֹאָה']"! – וַוייל זֵיי הָאבְּן פַארְזוּכְט פוּן דִי [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] 'מַאֲכָלִים'!

אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ צוּרִיסְן דָאס 'פָּנִים'! אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ בַּאגְרָאבְּן! – אוּן הָאבְּן [זִיךְ] דָאס 'פָּנִים', גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְהֵייבְּן! – אוּן אֵיינֶער פַאר דֶעם אַנְדֶערְן, הָאט זִיךְ גֶעשֶׁעמְט! (וָוארְן אַזוֹי אִיז דִי 'סְגוּלָה' פוּן דִי [דָאזִיגֶע] 'מַאֲכָלִים': "אַז וֶוער סְ'עֶסְט פוּן דִי 'מַאֲכָלִים', הָאט עֶר זֵייעֶר פַיינְט 'גֶעלְט'")! – וָוארְן דָארְט אִין דֶעם אָרְט [פְּלַאץ], אִיז דָאס 'גֶעלְט', דִי גְרֶעסְטֶע 'בּוּשָׁה', פוּן אַלֶע 'בּוּשׁוֹת'! – אוּן אַז אֵיינֶער ווִיל דֶעם אַנְדֶערְן עֶפֶּעס אוֹיסְוַוארְפְן [פַארְשֶׁעמֶען], וַוארְפְט עֶר אִים אוֹיס [עֶר זָאגְט אִים]: "דוּ הָאסְט גֶעלְט"! – וָוארְן 'גֶעלְט', אִיז דָארְט 'זֵייעֶר אַ אַ גְרוֹיסֶע בּוּשָׁה'! אוּן וָואס אֵיינֶער הָאט [אַלְץ] מֶער גֶעלְט – שֶׁעמְט עֶר זִיךְ מֶער!

אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] הָאבְּן זֵיי זִיךְ בַּאגְרָאבְּן, מַחֲמַת [צוּלִיבּ] 'גְרוֹיס בּוּשָׁה'! – אוּן אִיטְלֶעכֶער [קֵיינֶער פוּן זֵיי] הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְהֵייבְּן דָאס 'פָּנִים', אֲפִילוּ פַאר דֶעם אַנְדֶערְן [זַיין חָבֵר]! – מִכָּל־שֶׁכֵּן פַאר דֶעם [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן] 'גִּבּוֹר'!

אוּן וֶוער סְ'הָאט נָאךְ בַּיי זִיךְ גֶעפוּנֶען, עֶפֶּעס אַ 'גִילְדְן', אָדֶער אַ 'גְרָאשְׁן' – הָאט עֶר אִים מְבַעֵר גֶעוֶוען [אוֹיסְגֶערוּמְט] פוּן זִיךְ תֵּיכֶף! אוּן עֶר הָאט אִים אַ וַוארְף גֶעטָאן [וַוייט אַוֶועק] פוּן זִיךְ [מִיט גְרוֹיס אַיילֶענִישׁ]!

**[אוֹת ה]** דֶערְנָאךְ אִיז דֶער 'גִּבּוֹר' צוּ זֵיי גֶעקוּמֶען – אוּן הָאט זֵיי אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן זֵייעֶרֶע 'גְרִיבֶּער' [אוּן 'קְבָרִים'], וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ דָארְט בַּאגְרָאבְּן פַאר 'בּוּשָׁה'! – אוּן עֶר הָאט צוּ זֵיי גֶעזָאגְט: "קוּמְט מִיט מִיר! – וָוארְן הַיינְט בַּאדַארְפְט אִיר שׁוֹין קַיין מוֹרָא נִישְׁט צוּ הָאבְּן פַאר דֶעם 'גִּבּוֹר' [וָואס דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דִי 'מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוּת' הָאבְּן מוֹרָא גֶעהַאט פוּן אִים, וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] – וָוארְן אִיךְ בִּין דָאס אַלֵיין דֶער 'גִּבּוֹר'"!

הָאבְּן זֵיי גֶעבֶּעטְן [פוּן] דֶעם 'גִּבּוֹר': "אַז עֶר זֵיי זָאל גֶעבְּן פוּן דִי [דָאזִיגֶע] 'מַאֲכָלִים'! כְּדֵי זֵיי זָאלְן [דָאס] פִירְן, אִין 'זֵייעֶר מְדִינָה [פוּן עֲשִׁירוּת]' אַרַיין"! – וָוארְן זֵיי אַלֵיין [דִי 'גָאטְן'] – וֶועלְן שׁוֹין בְּוַודַּאי [זֵייעֶר] פַיינְט הָאבְּן 'גֶעלְט'! – לוּשְׁמִיר [נָאר] זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט: אַז [אוֹיךְ] דִי 'גַאנְצֶע מְדִינָה [פוּן עֲשִׁירוּת]', זָאלְן אַרוֹיס [גֵיין] פוּן דֶער [דָאזִיגֶער] 'תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט'! – הָאט דֶער 'גִּבּוֹר' זֵיי גֶעגֶעבְּן, פוּן דִי [דָאזִיגֶע] 'מַאֲכָלִים'!

**[אוֹת ו]** הָאבְּן זֵיי גֶעפִירְט דִי 'מַאֲכָלִים', אִין 'זֵייעֶר מְדִינָה [פוּן עֲשִׁירוּת]' אַרַיין! – אוּן תֵּיכֶף וִוי זֵיי הָאבְּן זֵיי גֶעגֶעבְּן פוּן דִי '[דָאזִיגֶע] מַאֲכָלִים' – הָאבְּן זֵיי אַלֶע תֵּיכֶף

**אָנְגֶעהוֹיבְּן, אַוֶועקְ־צוּ־וַוארְפְן זֵייעֶר ׳גֶעלְט׳** [זִילְבֶּער אוּן גָאלְד – וְוִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט אוֹת ד]**! – אוּן** [זֵיי] **הָאבְּן זִיךְ בַּאגְרָאבְּן אִין** ׳[דִי הֵייל֒ן פוּן] **דֶער עֶרְד׳, פַאר ׳גְרוֹיס בּוּשָׁה׳! – אוּן דִי ׳גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים׳, אוּן דִי** [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] **׳גָאטְן׳, הָאבְּן זִיךְ מֶער** [זֵייעֶר אַסַאךְ] **גֶעשֶׁעמְט! – אוּן** [אוֹיךְ] **דִי ׳קְלֵיינֶע לַייט׳ וָואס זֵיי פְלֶעגְן הֵייסְן בַּיי זֵיי** [שְׁלֶעכְטֶע] **׳חַיוֹת׳ אוּן ׳עוֹפוֹת׳** [וְוִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט – פֶּרֶק ב אוֹת א]**, הָאבְּן זֵיי זִיךְ אוֹיךְ גֶעשֶׁעמְט, נָאךְ** [אוֹיף דֶעם] **וָואס זֵיי זֶענֶען בִּיז אַהֶער, בַּיי זִיךְ, אַזוֹי ׳קְלֵיין׳ גֶעוֶוען, וַוייל זֵיי הָאבְּן קַיין ׳גֶעלְט׳ נִישְׁט!**

**וָוארְן הַיינְט הָאבְּן זֵיי שׁוֹין גֶעווּאוּסְט** [יֶעצְט אִיז נִתְגַלֶה גֶעוָוארְן]**: ״אַז אַדְרַבָּא פַארְקֶערְט, ׳גֶעלְט׳ אִיז דֶער עִיקָר בּוּשָׁה״! – וָוארְן דִי** [דָאזִיגֶע אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] **׳מַאֲכָלִים׳, הָאבְּן אִין זִיךְ אַזוֹי אַ** [אַזַא] **׳סְגוּלָה׳: ״אַז וֶוער ס׳עֶסְט פוּן דִי ׳מַאֲכָלִים׳, אִיז עֶר זֵייעֶר מְמַאֵס** [פַארְמִיאוּס׳ט] **׳גֶעלְט׳! – וָוארְן עֶר פִילְט דֶעם ׳רֵיחַ־רַע׳** [שְׁטִינְק] **פוּן ׳גֶעלְט׳, אַזוֹי־וְוִי פוּן** [׳צוֹאָה׳ אוּן] **׳טִינוּף׳** [שְׁמוּץ] **פוּנְקְט״!**

[אוּן דֶעמָאלְט] **הָאבְּן זֵיי אַלֶע, אַוֶועקְגֶעוָוארְפְן זֵייעֶר ׳גֶעלְט׳, אוּן זֵייעֶר ׳גָאלְד׳** [גָאלְדֶענֶע אָפְּגֶעטֶער] **אוּן ׳זִילְבֶּער׳** [זִילְבֶּערְנֶע אָפְּגֶעטֶער]**!**

**[אוֹת ז] דֶערְנָאךְ, הָאט מֶען זֵיי** [אַהִין] **גֶעשִׁיקְט דֶעם** [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן] **׳בַּעַל־תְּפִילָה׳! – הָאט עֶר זֵיי אוֹיסְגֶעגֶעבְּן** [אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן]**: ׳תְּשׁוּבוֹת׳ אוּן ׳תִּיקוּנִים׳! – אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶערֵיינִיגְט!**

**אוּן דֶער** [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער] **׳מֶלֶךְ׳, אִיז גֶעוָוארְן אַ ׳מֶלֶךְ׳, אִיבֶּער ׳גָאר דֶער** [גַאנְצֶער] **וֶועלְט׳! – אוּן ׳גָאר דִי** [גַאנְצֶע] **וֶועלְט׳, הָאט** [הָאבְּן] **זִיךְ אוּמְגֶעקֶערְט** [צוּרִיקְגֶעקֶערְט]**, צוּ ׳גָאט׳ בָּרוּךְ־הוּא! – אוּן זֵיי הָאבְּן אַלֶע עוֹסֵק גֶעוֶוען: נָאר אִין ׳תּוֹרָה׳, אוּן ׳תְּפִילָה׳, אוּן ׳תְּשׁוּבָה׳, אוּן ׳מַעֲשִׂים־טוֹבִים׳! – אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן! – בָּרוּךְ ה׳ לְעוֹלָם אָמֵן וְאָמֵן!**

## פֶּרֶק יג – רְמָזִים פוּן רַבֵּינוּ זַ״ל אוֹיף דִי מַעֲשֶׂה

[רוֹב פוּנֶעם דָאזִיגְן פֶּרֶק אִיז אִיבֶּערְגֶעזֶעצְט פוּנֶעם ׳סִפּוּרֵי־מַעֲשִׂיּוֹת׳ אוֹיף ׳לָשׁוֹן־הַקוֹדֶשׁ׳, וַוייל רַבִּי נָתָן זַ״ל הָאט דָאס נִישְׁט גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף אִידִישׁ – אוּן נָאר דִי שְׁטִיקְלֶעךְ וָואס זֶענֶען גֶעדְרוּקְט מִיט גְרֶעסֶערֶע אוֹתִיוֹת, אִיז דֶעם רֶבִּינְ׳ס לָשׁוֹן וָואס רַבִּי נָתָן זַ״ל הָאט דָאס יָא גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף אִידִישׁ]

**[אוֹת א] ס׳שְׁטֵייט אִין פָּסוּק** [יְשַׁעְיָה לא, ט]**: אַז ׳הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ׳ הָאט אַ ׳אוֹיבְן׳ אִין ׳דֶעם אָרְט׳** [אוֹיף אֵיין פְּלַאץ]**, אוּן דָאס ׳פַייעֶר׳ אִיז אוֹיף אַ ׳אַנְדֶער אָרְט׳** [וַוייטֶער פוּנֶעם ׳אוֹיבְן׳]**! – כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (בִּ׳יְשַׁעְיָה׳ ל״א)**: ״נְאֻם ה׳, אֲשֶׁר אוּר לוֹ בְּצִיּוֹן, וְתַנּוּר לוֹ בִּירוּשָׁלָיִם״!**

**דִי** [דָאזִיגֶע] **׳גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה׳** [פוּן דֶער ׳בַּעַל־תְּפִילָה׳] **– אִיז מְרוּמָז אִין דֶעם** [דָאזִיגְן] **׳קַאפִּיטְל׳** [פוּן]**: ׳יְשַׁעְיָה ל״א׳, עַיֵין־שָׁם** [זֶעה דָארְט]**!**

אוּן זֶעה דָארְט דֶעם ׳גַאנְצְן אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן קַאפִּיטְל׳ (יְשַׁעְיָה ל״א), וָואס רֶעדְט דָארְט פוּן דִי ׳זַאךְ׳ פוּן דֶעם גַאנְצְן אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן ׳מַעֲשֶׂה: **״הוֹי הַיֹּרְדִים מִצְרַיִם לְעֶזְרָה, וְעַל סוּסִים יִשָּׁעֵנוּ״. ״וּמִצְרַיִם אָדָם וְלֹא קֵל, וְסוּסֵיהֶם בָּשָׂר וְלֹא רוּחַ״** (יְשַׁעְיָה לא, א־ג) – ״וְוִיי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס נִידֶערְן אַרָאפּ קַיין ׳מִצְרַיִם׳ צוּ ׳הִילְף׳, אוּן אוֹיף דִי ׳פֶערְד׳ זֵייעֶרֶע פַארְלָאזְן זֵיי זִיךְ! – אוּן דִי ׳מִצְרִיִים׳ זֶענֶען ׳מֶענְטְשְׁן׳, אוּן נִישְׁט קַיין ׳גָאט׳! אוּן זֵייעֶרֶע ׳פֶערְד׳ זֶענֶען פוּן ׳פְלֵיישׁ׳, אוּן נִישְׁט קַיין ׳מַלְאָכִים׳״!

דָאס אִיז דִי בְּחִינָה פוּן דִי ׳דָאזִיגֶע מְדִינָה׳, וָואס דִי ׳מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוּת׳ הָאבְּן זִיךְ פַארְלָאזְט אוֹיף אִיר אַז זֵיי וֶועלְן זֵיי הֶעלְפְן! – וַוייל לוֹיט זֵייעֶר טָעוּת, הָאבְּן זֵיי גֶעמֵיינְט: ״אַז זֵיי אַלֶע זֶענֶען ׳גֶעטֶער׳״, אוּן אַז זֵייעֶרֶע ׳פֶערְד׳ זֶענֶען ׳מַלְאָכִים׳! – וְוִי עֶס אִיז אוֹיבְן עֶרְקְלֶערְט אִין דִי מַעֲשֶׂה! – זֶעה דָארְט [פֶּרֶק ד אוֹת ג־ד־ה – פֶּרֶק י אוֹת א]! – אוּן דָאס עֶנְדִיגְט צוּ דֶער ׳פָּסוּק׳: **״וּמִצְרַיִם אָדָם וְלֹא קֵל, וְסוּסֵיהֶם בָּשָׂר״ וְכוּ׳** [זֶעה פְרִיעֶר דִי טַייטְשׁ]! – אוּן פַארְשְׁטֵיי!

**״וַה׳ יַטֶּה יָדוֹ, וְכָשַׁל עוֹזֵר וְנָפַל עָזֻר, וְיַחְדָּו כֻּלָּם יִכְלָיוּן״** (יְשַׁעְיָה לא, ג). ״אוּן ׳הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ׳ וֶועט בֵּייגְן זַיין הַאנְט [זֵיי צוּ שְׁטְרָאפְן]! – אוּן עֶס וֶועט גֶעשְׁטְרוֹיכְלְט וֶוערְן דֶער ׳הֶעלְפֶער׳ [דִי מִצְרַיִם וָואס הָאבְּן גֶעוָואלְט הֶעלְפְן דִי אִידְן]! – אוּן ס׳וֶועט פַאלְן דֶער גֶעהָאלְפֶענֶער [דִי אִידְן וָואס הָאבְּן גֶעטְרַאכְט צוּ וֶוערְן גֶעהָאלְפְן דוּרְךְ דִי מִצְרִיִים]! – אוּן בֵּיידֶע צוּזַאמֶען, וֶועלְן זֵיי אַלֶע פַארְלֶענְדְט וֶוערְן״!

(זֶעה אִין דִי מַעֲשֶׂה פֶּרֶק ה אוֹת ב – אַז בֵּיידֶע וֶועלְן הָאבְּן אַ ׳מַפָּלָה׳, סַיי דִי מְדִינָה וָואס אַלֶע זֶענֶען דָארְט ׳גָאטְן׳, אוּן סַיי דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דִי ׳מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוּת׳ וָואס וֶועלְן זֵיי קוּמֶען בֶּעטְן הִילְף).

**״כַּאֲשֶׁר יֶהְגֶּה הָאַרְיֵה וְהַכְּפִיר עַל טַרְפּוֹ, אֲשֶׁר יִקָּרֵא עָלָיו מְלֹא רֹעִים – כְּצִפֳּרִים עָפוֹת״ וְכוּ׳** (יְשַׁעְיָה לא, ד־ו). ״אַזוֹי־וְוִי דֶער ׳לֵייבּ׳ אוּן דֶער ׳יוּנְגֶער־לֵייבּ׳ טוּט בְּרוּמֶען אוֹיף זַיין פַארְצִיקוּנְג [אוֹיף וֶועם עֶר טוּט פַארְצִיקְן], אֲפִילוּ וֶוען ס׳זָאלְן זִיךְ אַיינְזַאמְלֶען אוֹיף אִים אַ זַאמְלוּנְג פוּן ׳פַּאסְטוּכֶער׳ [אַז עֶר זָאל נִישְׁט פַארְצִיקְן] – פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט עֶר נִישְׁט מוֹרָא פוּן זֵייעֶר קוֹל״! – ״אַזוֹי־וְוִי דִי ׳פֵייגְלֶעךְ׳ וָואס אַיילְן זִיךְ צוּם פְלִיעֶן – [אַזוֹי וֶועט ׳הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ׳ זִיךְ צוּאַיילְן, צוּ בַּאשִׁיצְן אוֹיף ׳יְרוּשָׁלַיִם׳]״! – דָאס אִיז דִי בְּחִינָה פוּנֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן ׳לֵייבּ׳ אוּן דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע ׳פֵייגְלֶעךְ׳! – זֶעה גוּט אוֹיבְן אִין דִי מַעֲשֶׂה [פֶּרֶק יב אוֹת ב]!

**״כִּי בַּיּוֹם הַהוּא יִמְאָסוּן אִישׁ, אֱלִילֵי כַסְפּוֹ וֶאֱלִילֵי זְהָבוֹ״** (יְשַׁעְיָה לא, ז). ״וַוייל אִין יֶענֶע צַייט, וֶועט יֶעדֶער מֶענְטְשׁ פַארְמִיאוּסְן, זַיינֶע ׳זִילְבֶּערְנֶע אָפְּגֶעטֶער׳, אוּן זַיינֶע ׳גָאלְדֶענֶע אָפְּגֶעטֶער׳!

**״וְנָפַל אַשּׁוּר בְּחֶרֶב לֹא אִישׁ וְכוּ׳, וְנָס לוֹ מִפְּנֵי חֶרֶב וְכוּ׳ – וְסַלְעוֹ מִמָּגוֹר יַעֲבוֹר״** (יְשַׁעְיָה לא, ח־ט). ״אוּן ׳אַשּׁוּר׳ וֶועט פַאלְן, נִישְׁט דוּרְךְ קַיין ׳שְׁוֶוערְד׳ פוּן קַיין ׳מֶענְטְשׁ׳ [נָאר דוּרְךְ דִי הַאנְט פוּן אַ מַלְאָךְ] – אוּן עֶר וֶועט אַנְטְלוֹיפְן, כְּאִילוּ ס׳וָואלְט גֶעוֶוען אַ ׳שְׁוֶוערְד׳ – אוּן זַיין שְׁטַארְקֵייט וֶועט זִיךְ אָפְּטוּהְן אוּן אַוֶועקְפַאלְן פוּן אִים, צוּלִיבּ פִיל ׳פַּחַד׳ – דָאס אִיז דִי בְּחִינָה פוּן דִי ׳דְרֵיי כּוֹחוֹת׳ פוּנֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן ׳שְׁוֶוערְד׳ [זֶעה פֶּרֶק ו אוֹת ד]! – [וַוייל] דִי צְוֵויי פְּסוּקִים פוּן **״וְנָפַל״** אוּן **״וְנָס״** [אַז עֶר וֶועט ׳פַאלְן׳, אוּן ׳אַנְטְלוֹיפְן׳] – דָאס אִיז דִי בְּחִינָה פוּן דִי ׳צְוֵויי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע כּוֹחוֹת׳ [1. אַז ׳עֶלְטְסְטֶע׳ אַנְטְלוֹיפְן – 2. אַלֶע אִיבְּרִיגֶע פַאלְן]!

אוּן דֶער פָּסוּק פוּן: **״וְסַלְעוֹ מִמָּגוֹר יַעֲבוֹר״** [אוּן זַיין שְׁטַארְקֵייט וֶועט זִיךְ אָפְּטוּהְן אוּן אַוֶועקְפַאלְן פוּן אִים, צוּלִיבּ פִיל פַּחַד] – דָאס אִיז דִי בְּחִינָה פוּנֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן ׳דַאר קְרַאנְקְהֵייט׳ [מֶען וֶוערְט מָאגֶער, אוּן דָאס קֶערְפֶּער פַאלְט אָפּ רַחֲמָנָא־לִיצְלָן], אַז זַיין ׳שְׁטַארְקֵייט׳ אוּן זַיין ׳כֹּחַ׳, טוּט זִיךְ אָפּ אוּן פַאלְט אַוֶועק פוּן אִים! – וַוייל **׳סַלְעוֹ׳**, טַייטְשׁ: ׳זַיין שְׁטַארְקֵייט׳! – אוּן דָאס אִיז דִי בְּחִינָה פוּנֶעם ׳דְרִיטְן כֹּחַ׳ פוּנֶעם ׳שְׁוֶוערְד׳. [אַז מְ׳בַּאקוּמְט דֶעם ׳דַאר קְרַאנְקְהֵייט׳, אוּן דִי ׳כּוֹחוֹת׳ טוּעֶן זִיךְ אָפּ]! – זֶעה גוּט אוּן פַארְשְׁטֵיי!

אוּן נָאךְ דִי אַלֶע פְרִיעֶר־דֶערְמַאנְטֶע ׳פְּסוּקִים׳, עֶנְדִיגְט צוּ דֶער ׳פָּסוּק׳: **״נְאֻם ה׳ אֲשֶׁר אוּר לוֹ בְּצִיּוֹן, וְתַנּוּר לוֹ בִּירוּשָׁלָיִם״** (יְשַׁעְיָה לא, ט). ״אַזוֹי זָאגְט גָאט, וָואס אַ ׳פַייעֶר׳ אִיז אָנְגֶעגְרֵייט צוּ אִים אִין ׳צִיּוֹן׳, אוּן אַ ׳אוֹיבְן׳ אִיז אָנְגֶעגְרֵייט צוּ אִים אִין ׳יְרוּשָׁלַיִם׳ [צוּ פַארְבְּרֶענֶען דֶערְמִיט דִי ׳רְשָׁעִים׳״]! – דָאס אִיז דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע ׳אוֹיבְן׳ אוּן ׳פַייעֶר׳ [פֶּרֶק יב אוֹת ב]!

זֶעה אוּן קוּק, אוּן פַארְשְׁטֵיי! – וַוייל אִין דֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן קַאפִּיטְל (יְשַׁעְיָה ל״א), אִיז עֶרְקְלֶערְט דֶעם גַאנְצְן אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן מַעֲשֶׂה [פוּן ׳בַּעַל־תְּפִילָה׳].

**[אוֹת ב] דָאס אַלֶעס** [דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע ׳פְּסוּקִים׳ פוּן יְשַׁעְיָה ל״א, אוּן זֵייעֶר בַּאדֵייט] **– אִיז דִי וֶוערְטֶער פוּן רַבֵּינוּ זַ״ל!** – אוּן אַזוֹי הָאט עֶר בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט: ״אַז דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה פוּן אָנְהֵייבּ בִּיזְן סוֹף, אִיז אִינְגַאנְצְן מְרוּמָז אִינֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן קַאפִּיטְל פוּן יְשַׁעְיָה ל״א! – אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט: ״אַז דִי אַלֶע זַאכְן פוּנֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן מַעֲשֶׂה – קֶען מֶען אַלֶעס טְרֶעפְן אִין ׳פְּסוּקִים׳ אוּן דֶעסְטְגְלַייכְן״.

צוּם בֵּיישְׁפִּיל: ס׳שְׁטֵייט: **״וְטִמֵּאתֶם אֶת צִפּוּי פְּסִילֵי כַסְפֶּךָ, וְאֶת אֲפֻדַּת מַסֵּכַת זְהָבֶךָ. תִּזְרֵם כְּמוֹ דָוָה, צֵא תֹּאמַר לוֹ״** (יְשַׁעְיָה ל, כב). ״אוּן ס׳וֶועט זַיין בַּיי עֶנְק פַארְאוּמְרֵיינִיגְט [טָמֵא אִין עֶנְקֶערֶע אוֹיגְן], דָאס בַּאדֶעקוּנְג פוּן עֶנְקֶערֶע גֶעשְׁנִיצְטֶע זִילְבֶּערְנֶע בִּילְדֶער, אוּן דָאס שֵׁיינֶעם גַארְטְל וָואס אִיז אוֹיסְגֶעגָאסְן פוּן גָאלְד! – דוּ וֶועסְט זֵיי פַארְשְׁפְּרֵייטְן אוּן אַוֶועקְוַוארְפְן [זֵיי וֶועלְן זַיין מִיאוּס אִין דַיינֶע אוֹיגְן אַזוֹי־וְוִי אַ ׳נִדָּה׳] – ׳גֵיי אַרוֹיס׳ וֶועסְטוּ זָאגְן צוּ דִי דָאזִיגֶע ׳עֲבוֹדָה־זָרָה׳ס״!

אוּן אוֹיךְ צוּם בֵּיישְׁפִּיל: דֶעם פָּסוּק: **״בַּיּוֹם הַהוּא יַשְׁלִיךְ הָאָדָם, אֵת אֱלִילֵי כַסְפּוֹ, וְאֵת אֱלִילֵי זְהָבוֹ וְכוּ׳, לַחְפֹּר פֵּרוֹת וְכוּ׳, לָבוֹא בְּנִקְרוֹת הַצֻּרִים״** וְכוּ׳ (יְשַׁעְיָה ב, כ־כא). ״אִין יֶענֶעם טָאג [וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען], וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ אַוֶועקְוַוארְפְן, זַיינֶע ׳זִילְבֶּערְנֶע אָפְּגֶעטֶער׳, אוּן זַיינֶע ׳גָאלְדֶענֶע אָפְּגֶעטֶער׳ – צוּ דִי ׳טִיפֶע גְרִיבֶּער׳! אוּן זֵיי וֶועלְן אַנְטְלוֹיפְן אִין דִי ׳לֶעכֶער׳ פוּן דִי ׳שְׁטֵיינֶער׳״ [צוּלִיבּ פַּחַד פוּן הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ]! – דָאס הֵייסְט: אַז זֵיי וֶועלְן אַוֶועקְוַוארְפְן דִי ׳תַּאֲוַת־מָמוֹן׳, וָואס דָאס אִיז מַמָּשׁ ׳עֲבוֹדָה־זָרָה׳, אוּן זֵיי וֶועלְן זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין דִי ׳גְרִיבֶּער׳ וְכוּ׳! וְוִי עֶס אִיז עֶרְקְלֶערְט אִין דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע מַעֲשֶׂה [פוּן ׳בַּעַל־תְּפִילָה׳]! – וְוִי דָאס גֶעלְט שְׁטִינְקְט מַמָּשׁ אַזוֹי־וְוִי ׳צוֹאָה׳ – וְוִי ס׳שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יְשַׁעְיָה ל, כא): **״תִּזְרֵם כְּמוֹ דָוָה, צֵא תֹּאמַר לוֹ״** [זֶעה פְרִיעֶר דִי טַייטְשׁ]!

אוּן אַזוֹי דֶעסְטְגְלַייכְן, קֶען מֶען טְרֶעפְן אַלֶע זַאכְן פוּנֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן מַעֲשֶׂה [פוּן ׳בַּעַל־תְּפִילָה׳], אִין דִי ׳פְּסוּקִים׳, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

[מוֹרֵנוּ רַבִּי נָתָן זַ״ל שְׁרֵייבְּט]: אָבֶּער דֶער עִיקָר פוּן דֶעם ׳גַאנְצְן מַעֲשֶׂה׳, אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אוֹיפְן אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן ׳קַאפִּיטְל׳ (יְשַׁעְיָה לא)! – וַוייל דָארְט, אִיז דָאס אִינְגַאנְצְן עֶרְקְלֶערְט אוּן מְרוּמָז! – אָבֶּער מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט, נָאר דָאס וָואס רַבֵּינוּ זַ״ל הָאט אוּנְז בְּפֵירוּשׁ מְגַלֶה גֶעוֶוען! [דָאס הֵייסְט: אַלֶעס וָואס אִיז אוֹיבְן עֶרְקְלֶערְט]! – אָבֶּער דִי אִיבְּרִיגֶע עִנְיָנִים פוּן דִי מַעֲשֶׂה, הָאבְּן מִיר נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען מַשִּׂיג צוּ זַיין וְוִיאַזוֹי דָאס אִיז מְרוּמָז דָארְט! – אָבֶּער עֶר הָאט קְלָאר גֶעזָאגְט: ״אַז דִי ׳גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה׳, אִיז דָארְט מְרוּמָז״!

**[אוֹת ג]** [נָאךְ הָאט רַבֵּינוּ זַ״ל גֶעזָאגְט נָאכְן עֶנְדִיגְן דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה]**: דֶער ׳סֵדֶר׳ פוּן דֶעם ׳מֶלֶךְ׳ מִיט ׳זַיינֶע לַייט׳, אִיז אַזוֹי: (1) דֶער ׳בַּעַל־תְּפִילָה׳! (2) מִיט דֶעם ׳גִבּוֹר׳! – (3) דֶער ׳מְמוּנֶה עַל הָאוֹצְרוֹת׳! (4) מִיט דֶעם ׳חָכָם׳! – (5) דֶער ׳מֵלִיץ׳! (6) מִיט דֶעם ׳אוֹהֵב־נֶאֱמָן׳! – (7) דִי ׳בַּת־מַלְכָּה׳! (8) מִיט דֶעם ׳קִינְד׳** [פוּן דִי ׳בַּת־מַלְכָּה׳]**! – (9) דֶער ׳מֶלֶךְ׳! (10) מִיט דֶער ׳מַלְכָּה׳!**

**אוּן זֵיי זֶענֶען ׳צֶעהְן׳ זַאכְן! – וָואס דִי** [דָאזִיגֶע] **׳צֶעהְן׳: פַארְרֶעכְטְן ׳גָאר דִי** [גַאנְצֶע] **וֶועלְט׳! – אוּן נֶעמֶען אַרוֹיס ׳אִיטְלֶעכְן׳ פוּן זַיין ׳נַארִישְׁקַייט׳! – אוּן קֶערְן אוּם** [צוּרִיק] **׳אַלֶע׳, צוּם ׳רֶעכְטְן** [רִיכְטִיגְן] **אֱמֶת׳!**

דָאס אִיז זֵייעֶר ׳סֵדֶר׳! – אוּן זֵיי זֶענֶען דִי בְּחִינָה פוּן ״עוֹלָם הַתִּיקוּן״ – אוּן זֵיי זֶענֶען ׳צֶען זַאכְן׳! – אוּן דָאס אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶערֶעכְנְט לוֹיטְן רִיכְטִיגְן סֵדֶר וְוִי ס׳אִיז עֶרְקְלֶערְט אִין דִי ׳סִפְרֵי קַבָּלָה׳! – אָבֶּער ס׳אִיז פַארְהַאן עֶפֶּעס דֶערִין (אַז ס׳אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶערֶעכְנְט לוֹיטְן סֵדֶר)!

אוֹיךְ אִיז עֶרְקְלֶערְט אִין דִי ׳סְפָרִים׳: ״אַז וֶוען דִי הַשְׁפָּעָה פוּן אֵיין מִידָה״, גֵייט אַרִיבֶּער דוּרְךְ אַ אַנְדֶערֶע מִידָה, אוּן דָאס הַאלְט זִיךְ דָארְט אוֹיף – וֶוערְט זִי דַאן אָנְגֶערוּפְן אוֹיפְן נָאמֶען פוּן יֶענֶע מִידָה! – דָאס הֵייסְט: אַז דִי ׳מִידָה׳ וָואס דָארְט הַאלְט זִיךְ יֶעצְט אוֹיף דִי ׳הַשְׁפָּעָה׳ פוּן אַ אַנְדֶערֶע מִידָה וָואס גֵייט יֶעצְט אַרִיבֶּער דוּרְךְ אִיר [לְמָשָׁל: מִדַּת הַחֶסֶד׳ הַאלְט זִיךְ יֶעצְט אוֹיף בַּיי ׳מִדַּת הַגְּבוּרָה׳] – וֶוערְט זִי אָנְגֶערוּפְן אוֹיפְן נָאמֶען פוּן ׳יֶענֶע מִידָה׳ וָואס דִי דָאזִיגֶע ׳הַשְׁפָּעָה׳ קוּמְט פוּן אִיר [לוֹיט אוּנְזֶער מָשָׁל: ׳גְבוּרָה׳ וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אוֹיפְן נָאמֶען פוּן ׳חֶסֶד׳]״! – אוּן טַאקֶע צוּלִיבּ דֶעם, אִיז דָא דֶער ׳סֵדֶר׳ פַארְעֶנְדֶערְט גֶעוָוארְן! – אוּן אוֹיךְ אִיז דָא דֶערִין נָאךְ עֶטְלִיכֶע עִנְיָנִים, וָואס זֶענֶען גוּט עֶרְקְלֶערְט, פַאר דִי דָאזִיגֶע וָואס זֶענֶען גוּט בַּאקַאנְט אִין דִי ׳סְפָרִים׳! – [דָאס אַלֶעס הָאט רַבֵּינוּ זַ״ל גֶעזָאגְט בְּפֵירוּשׁ]!

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען פוּן זַיינֶע וֶוערְטֶער: ״אַז אִין דִי דָאזִיגֶע מַעֲשֶׂה אִיז מְרוּמָז: [דִי סוֹד פוּן] ״מִיתַת־הַמְּלָכִים״, אוּן זֵייעֶר ׳תִּיקוּן׳״! [זֶעה ׳לִקּוּטֵי־הֲלָכוֹת׳, הִלְכוֹת תְּפִלָּה הֲלָכָה ד] – אוּן סַיי בַּיי דִי בְּחִינָה פוּנֶעם ״חוּרְבָּן״, אוּן סַיי בַּיי דִי בְּחִינָה פוּנֶעם ״תִּיקוּן״ – זֶענֶען נִישְׁט גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן לוֹיטְן סֵדֶר, דִי צֶען אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע בְּחִינוֹת! צוּלִיבּ דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע ׳טְעָמִים׳ אוּן ׳עִנְיָנִים׳!

[״מִיתַת־הַמְּלָכִים״ – דָאס אִיז ״שְׁבִירַת־הַכֵּלִים״, וָואס דִי ׳כֵּלִים׳ זֶענֶען גֶעוָוארְן צוּבְּרָאכְן, וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְהֵייבְּן דָאס פִיל לִיכְטִיגְקֵייט, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן נֵייעֶ כֵּלִים. דָאס אִיז אַלֶעס עֶרְקְלֶערְט אִין סֵפֶר־הַקָּדוֹשׁ ׳עֵץ־חַיִּים׳ פוּן אֲרִיזַ״ל – זֶעה סֵפֶר ׳מְשִׁיבַת־נֶפֶשׁ׳ אוֹת כט־ל־מה].

[מוֹרֵנוּ רַבִּי נָתָן זַ״ל שְׁרֵייבְּט]: אוּן דִי דָאזִיגֶע זַאכְן, זֶענֶען נָאךְ אַלְץ פַארְהוֹילְן אוּן פַארְזִיגְלְט! – וַוייל דִי ׳סוֹד׳ פוּן דִי ׳מַעֲשֶׂה׳, הָאט רַבֵּינוּ זַ״ל בִּכְלַל נִישְׁט אַנְטְפְּלֶעקְט! – נָאר עֶר הָאט אוּנְז לִיכְטִיג גֶעמַאכְט אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן, מִיט דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע ׳פְּסוּקִים׳ אוּן ׳עִנְיָנִים׳ – כְּדֵי אַז מִיר זָאלְן וִויסְן: אַז ס׳אִיז פַארְהַאן אִין דִי ׳מַעֲשֶׂה׳, ׳בַּאהַאלְטֶענֶע סוֹדוֹת׳, זֵייעֶר ׳גְרוֹיס׳ אוּן ׳פָארְכְטִיג׳ – אוּן מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט!

וואוֹיל אִיז דֶער, וָואס וֶועט זוֹכֶה זַיין אַבִּיסְל צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי ׳סוֹדוֹת׳, פוּן דִי ׳דָאזִיגֶע מַעֲשִׂיּוֹת׳ וָואס וֶוערְן עֶרְקְלֶערְט אִינֶעם דָאזִיגְן ׳סֵפֶר׳ [סִפּוּרֵי־מַעֲשִׂיּוֹת]! – וַוייל דִי אַלֶע ׳מַעֲשִׂיּוֹת׳, זֶענֶען זֵייעֶר זֵייעֶר וואוּנְדֶערְלִיכֶע אוּן פָארְכְטִיגֶע ׳חִידוּשִׁים׳! – זֵייעֶר זֵייעֶר טִיף, וֶוער קֶען דָאס גֶעפִינֶען! – וָואס זָאלְן מִיר זָאגְן! וָואס זָאלְן מִיר רֶעדְן! – וֶוער הָאט גֶעהֶערְט אַזוֹינְס! וֶוער הָאט גֶעזֶעהְן אַזֶעלְכְס!